זעהר געלונגענעם נאטור-מאָרט „אין שטעטל“, וואָס וועט געוויס בלייבן אין דער ליטעראַטור, ווי אַ דענקמאַל אויפ׳ן „שטעטל—בית עולם“, האָט קיינער אפילו ניט דערמאַנט. בכלל האָט די יידישע פּרעסע וועגן זאַמלבוך כמעט ווי ניט געשריבן און די געזעלשאַפט האָט וועגן אים ווייניג געטראַכט. דערויף איז איצט אַזאַ צייט—דער פּחד פאַר פעסטגעשטעלטע פאָרמען, וואָס זיינען געבונדן מיט דער אַלטער וועלט, איז גרויס... ליניעס ווערן אויסגעשיילט, און בלייבן נאַקעט, און אַלע נאַקעטע ליניעס זיינען געוויס ענליך איינע אויף דער אַנדערער און טאַקי דערפאַר קומט אויס, אַז איינינגע אנטיילנעמער פון זאַמלבוך—און בתוכם אויך איך—האָבן קיין נייעם „איינגס“ ניט אריינגעבראַכט. אברהם ראַפּאָפּאָרט האָט געהאַט דעם אומגליק אויעקצושטעלן די שיך נעבן בעט, פּונקט ווי ר׳ גדליה הורוויץ אין „נאָך אַלעמען“... נאָר אויב אַזוי, איז ער מער ניט, ווי אַ וואַריאַנט פּונ׳ם אַלטן, און דאָס אַלטע איז בכלל ניט אינטערעסאַנט. אין איצטיגן מאָמענט איז דאָס בטל צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַלטער וועלט.

IV.

וואָס שטעהט איצט פאַר דער דיכטונג בכלל און דער יידישער דיכטונג בפרט. געוויס וועט אויך צו אונז ווי אין גרויס-רוסלאַנד קומען ניט דער אמתער, נאָר דער וואָלוועלער פוטוריזם, וואָס נויטיגט זיך נישט ניט אין אַלטער בילדערליכקייט, ניט אין גאַנצקייט פון פאָרם, און וועט זיך מיחם זיין פאַר דער שוועסטער פון דער נייער געזעלשאַפטליכקייט. פוטוריזם איז אָבער צופיל „אינטעליגענטישער לובאָק“, ער זאָל קאָנען באַהערשן די מאַסן און ווייל ס׳פעלט אים די גאַנצקייט פון פאָרם, קאָן אויך די אינטעליגענץ זיין באַווירקט פון אים נאָר אינטעלעקטועל, אָבער ניט אינטואיטיוו—זי וועט דאַרפן זיך מער אָנשטויסן, איידער דערפיהלן. קונסט האָט אָבער פאַר אונז אפילו אויך אַ געוויסע פיזיאָלאָגישע באַדייטונג: דער אויסגערוהטער אויער-נערוו, למשל, פאָדערט שפּייז, און פון דאַנען נעמט זיך נויטינקייט אין הערן מוזיק. ס׳וועלן רוהען ביי דער געזעלשאַפט ביז אין אַ צייט געוויסע נערוון, נאָר סוף-כל-סוף וועלן זיי אָנקלייבן קאָלאָסאַלע ענערגיע און וועלן פאָדערן אַ סך שפּייז און ס׳וועט זיך אָנהויבן די גרויסע רעגענעראַציע פון דער קונסט.

קריסטענטום, וואָס האָט אין דער ערשטער צייט אַזוי שטאַרק פאַרפאָלגט סימבאָלן, קונסט און קינסטלער פון דער אַלטער וועלט, האָט סוף-כל-סוף, נאָך איר אנטשיידענעם נצחון, געשאַפן אַזוי פיל נייע מעגליכקייטן פאַר קונסט, אַז זי אַליין איז פון זיי באַגייסטערט געוואָרן און האָט פיל קונסט-ווערק פאַרהייליגט און זיי פונאַנדערגעהאַנגען אין אירע טעמפּלען. אמת קיין יש-מאין האָט אויך קריסטענטום ניט געקאָנט שאַפן—זי האָט אין דעם זינען נאָך איר זיג געמוזט געהן אויף הנחות, און אין אַ היפשער צייט אַרום נאָך איר ערשיינען האָט זי די עפעסער דיאַנאַ (פריהער אַ געצענדינערשער קולט) אַליין געקרוינט מיטן נאָמען „הייליגע מוטער“.

אויך די געזעלשאַפטליכקייט וועט נאָך איר אנטשיידענעם נצחון מוזן און וועלן געהן אויף הנחות לגבי די אַלטע לעבנס-פאָרמען אין דער קונסט, וועלכע וועלן, אגב, שוין דעמאָלט ניט פאָרשטעלן פאַר איר קיין שום געפאַר, אָבער ביז דעמאָלט וועט נאָך געדויערן אַ לענגערע צייט און ביז דעמאָלט וועט די אמתע דיכטונג זיין פון דער געזעלשאַפט אויב ניט פאַנאַטיש פאַרפאָלגט, איז יעדנפאַלס ניט-אנערקנט—זי וועט זיין איינזאַם, און איבער די טעמים, וועלכע זיינען שוין פריהער דערמאַנט געוואָרן, וועט דער יידישע דיכטונג אויסקומען צו געפינען זיך אין מער שרעקליכער איינזאַמקייט איידער דער דיכטונג ביי אַ וואָסער ניט איז אַנדער פאָלק. און די איינזאַמקייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן—זי געהט.

ד. בערגעלסאָן.

# יידישער קונסט-פּרימיטיוו און דאָס קונסט-בוך פאַר קינדער.

ס׳איז קיין ספק ניט, אַז דער גרונט, דער הויפּט-יסוד, אויף וועלכן ס׳דאַרף געבויט ווערן דאָס קונסט-בוך פאַר יידישע קינדער—איז דער אַלטער יידישער קינסטלערישער פּרימיטיוו, דער אַזוי גערופענער „לובאָק“. די פּלאַסטישע קונסט פאָרמאָגט איר פאָלקלאָר—דעם קינסטלערישן פּרימיטיוו, דאָס איז: די מעשה. דער מיף פון דער שילדערונגס-קונסט, די

פאָלקס-שטופּע פון דער מאַלעריי, סקולפּטור און גראַפיק, און אויפן געביט פון דער שילדערונגס-קונסט דאַרף אַט דער פאָלקלאָר אויסגענוצט ווערן פאַר קינדער-שטאָף, אַט ווי דער ליטעראַרישער פאָלקלאָר, וואָס ווערט שוין ביי אונז לאַנג אויסגענוצט פאַר קינדער אין דער וואָרט-קונסט, אין דער ליטעראַטור.

די פאָלקס-שאַפונג, די קאָלעקטיווע דיכטונג האָט דעם שענסטן קבלת-פּנים ביי קינדער, זי קומט אָן אויפן בעסטן אופן צום קינדס פאַרפיינערטע חושים, ס'פאַרצוויבערט אים די אוממיטעלבאַרקייט פונם פאָלקס-וואָרט, די בולטקייט און קלאָרקייט פון די בילדערישע בּינות, דער פּאַראַלעלגעמיינטער ניט-דיראַקטישער געיון און די פּאַראַלעלגעמיינטע ניט-דידאַקטישע איבערלעבונג. דאָס קינד איז אין הכּך אַ מאַסן-באַשעפעניש. עס לעבט דאָך ניט מיט'ן פּאַרטיפטן יהודיש-דיפערענצירטן, עס איז תּיפס אַלץ מיטן אינסטינקט און דאָס ליב דערפאַר קאָנקרעטיזירן, פאַרוואַנדלען טרוים אין ווירקליכקייט, מעשה—אין געשעהעניש. און פאַרקערט, די געשעהענישן גופא, די טאָג-טעגליכע ווירקליכקייט איז עס ניט מסוגל אויפצונעמען צוועקמעסיג, און איר, אַזוי צו זאָגן, געשיכטליכער שיין, ניין, דאָס קינד פּאַסט זי אויף—טאַקי, ווי די פאָלקס-מעשה פּאַסט זי אויף—אויסער צייט און רוים, אויסער געשיכטליכע צילן און סיבות. פון דער טאָג-טעגליכקייט וועבט דאָס קינד זיך אַ לעגענדע, אָבער אַ לעגענדע, וואו דער פאַנטאַסטישער שטאָף איז תּמימותדיג-קלאָר און אָפן אָהן קיים שום אַלעגאָרישע כּוונות, אָהן קיין שום געדאַנקליכע פּניות. און אַט די איינגעשאַפטן פאַרמאָגט די פאָלקס-שאַפונג, וואָס איז דעריבער אויף'ן בעסטן אופן צוגעפּאַסט פאַר קינדער. שאַגאַלס קונסט-ווערק, וויסט מען, מאַכן אַ גוטן רושם אויף קינדער. געוויס. די פאַנטאַסטישע קלאָרע און אָפענע פאָלקס-פּשטות, וואָס ליגט, אַ שטייגער, אין דער „לויה", צי אין זיין „פליהענדיגן יידן" פונם „וויטעבסקער ציקל" איז אוודאי פאַרשטענדליך דעם קינד, פאַר אים, פאַרן קינד, איז דאָך די פאַנטאַסטישע פאָרם און אינהאַלט פונ'ם בילד כּלל ניט קיין אָפּגעפרעגטע זאַך, קיין קשיות דערויף וועט עס ניט פרעגן. אדרבא, די נאַאיווע שפּילעוודיגע מעשה פונ'ם קונסט-ווערק וועט נאָר צעפלאַקערן דעם קינדס אייגן פאַנטאַזיע, דאָס פאַנטאַסטישע בילד



שטימט דאָך אינגאַנצן מיט זיין אייגענער קינדער-וועלט, און וועלכער ס'כּשופט בעצם יעדער וואַלד און טייך, די ווינטער-נאַכט און דער פריהלינגס-אָוונט...

אגב האָט שאַגאַל אַליין, דאָס גרויסע פאָלקס-קינד, איינגעזאַפּט די יידישע קינסטלערישע פּרימיטיוון, פון זיי האָט ער געשעפּט די פאָרם, פאַרב און אינהאַלט פאַר זיינע שטראַלנדיגע לעגענדן-בילדער, וואָרים די פּלאַסטישע קונסט, ווי געזאָגט, פאַרמאָגט איר פאָלקלאָר—דעם קינסטלערישן פּרימיטיוו. דאָס איז דער יסוד פון דער יידישער קונסט בכלל און יידישער קינדער-קונסט בפרט.

---

„טרייב די קונסט דורך דער טיר, קריכט זי דורכ'ן פענסטער." אַט די נייע פאַרענדערטע גרסא פונ'ם באַוואוסטן שפּריכוואָרט איז אויך מקיים געוואָרן בנוגע צום יידישן גייסט, וואָס האָט אין משך פון לאַנגע, צו-לאַנגע דורות, אַזוי אַסקעטיש אָפּגעזאָגט זיך הנאה צו האָבן פון פּלאַסטישן שאַפן, ניט דערלאָזן על פּי דין, לכל הפּחות, קיין שום „פּסל" און „תּמונה". און דאָך, און דאָך פאַרמאָגן מיר אַ גרויסע און אַ גאַנץ רייכע, לערך קינסטלעריש פּלאַסטישע פאַרגאַנגענהייט, מיר האָבן אַ שפע פון פאַרשיידנאַרטיגע און פאַרשיידנפאַכיגע קונסט-ווערק. און באַשאַפן האָט זיי אַליין דאָס פאָלק און דווקא על פּי רב צוליבן רעליגיעזן אויסקומעניש, באַשענט און באַפּוצט מיט זיי די טרוקענע דינים און מנהגים, אָנגעפּילט מיט קונסט-ווערק די וואָך און דעם יום-טוב, די שול און די שטוב.

דער יידישער פּרימיטיוו:

די אויסגעמאָלטע שולן, די אויסגעקריצטע מצבות, אויסגעשניצטע אָרון-קודש'ס, בּימה'ס-עמודים, כּתר-תּורה'ס, עץ-חיים'ס, מענטעלאַך, יד'ן, פּרוכת'ן, האַנטפאַסן, קאַנען, מנורות, כּסא-של אליהו'ס, שופרות, עטרות, יאַרמולקעס, שטענדערס, באַלעמערס, מי שבּרך'ס, יהי-רצונ'ס, מזרח'ס, מזלות, הגדה'ס, באַפּוצטע סוכות, פּסחדיגע כּוסות, קערות, הדס'לאַך, הבדלה'ס, טלית-זעקלאַך, תּפילין-זעקלאַך, שער-בלעטלאַך, פּנקסים, כּתובות, חופּות, חנוכּה-לעמפּלאַך, יאָרצייט-לאַמטערנס, יאָרצייט-פאָרהאַנגלאַך, שבועות-רעדלאַך, אתרוגים-פּושקעס, מים-אחרונים'לאַך, קינדער-פאַנען, גראַגערס, פּיל-און-בויגנס, דריידלאַך, טאַבעק-שקעטעלאַך, לולב-פינגערלאַך, הדסים-ביטעלאַך,

כלה-דעקטוכן, געמאָלטע מעשה'ס פון צדיקים, גאַליציאַנער לעקאַכער, דעם רבינ'ס קישעלאַך, למר-בית קוויטלאַך, מינץ-קוויטלאַך, קמיעות, שבת-טישטוכלאַך, פורים-גרעט, פורימלאַך, שטערן-טיכלאַך, ברוסט-טיכלאַך—אַט די אויבנ-אויפיגע אַפילו רשימה פון דעם פאַרשיידנאַר-טיגן און פאַרשיידנפאַכיגן קינסטלערישן אינ-ווענטאַר, ווייזט, אַז דער יידישער קונסט-פאָל-קלאָר האָט געהאַט פאַר זיך אַ גאַנץ רייכן און פילפאַרביג-זאַפטן געביט. אין טויזנטער שטעט און שטעטלאַך פונ'ם יידישן ישוב האָט דאָס פאָלק געברויכט אָהן אַ שיעור קינסטלערישע ענערגיע און די פאַרווירקליכטע קונסט-קראַפט האָט גענומען און זי האָט טאַקי באַקומען אַן אייגן פנים, אַ באַזונדער כאַראַק-טער און ווענדונג. יאָ, דער יידישער קונסט-לערישער פרימיטיוו האָט זיינע אייגענע טיפּע סימנים, זיין איינאַרטיגן קינסטלערישן דרך, אייגענעם קונסט-אינהאַלט און אייגענע קונסט-פאָרם.

קודם-כל וואַרפט זיך אין די אויגן דער אַבסטראַקטער, דער רוחניותדיגער, אַזוי צו זאָגן, דערהויבענער כאַראַקטער פונ'ם יידישן „לובאָק". ווייניגער פון אַלץ האָט דעם יידישן קינסטלער געאַרט דער רעאַלער און רעאַלי-סטישער גוף, דער פשוטער חומר פון דער חיה, בהמה, צי פויגל, וואָס ער האָט געמאָלט. דער יידישער לייב, לעמפּערט און שור-הבר צייכענען זיך לגמרי ניט אויס מיט זייער פיזישן בוי, מיט זייער קערפּערליכער טבע און גשמיותע איינשאַפטן—ניין, דער עיקר זיינען זיי נאָר טיפּישע גייסטליכע באַשעפענישן, סימבאָלישע אַבסטראַקטע פיגורן, ווייל זיי שטאַמען, על פי רוב, ניט פון דער ווירקליכ-קייט, ניט פון וואַלד און פעלד, נאָר פון דער לעגענדע, פונ'ם יידישן קבלה-פאָלקלאָר. דאָס זיינען, אייגנטליך, די הייליגע חיות פון דער מעשה-מרכבה, די פאַרשפּראָכענע לייבן און אָדלערס פון שלמה-המלכ'ס שטול, די אינד און די טויב פון גאָטס „פמליא" און דער גלגול, דער בער, וואָס וואַרט אין דער פאָלקס-מעשה אויף שלוש-סעודות...

און אַז די אַבסטראַקטע לעגענדאַרישע אַדיסטיישונג פון דער לעבעדיגער נאַטור, אַז דאָס גופא האָט דעם שעפער פונ'ם יידישן פּרימיטיוו געשטעלט פאַר נייע מאָלערישע אויפגאַבן, און ממילא געבראַכט אים צו נייע קונסט-מעגליכקייטן און קונסט-דערגרייכונגען.

אַט אין איינעם און דעם זעלבן יידישן קונסט-ווערק, איז דער לייב, צי דער לעמפּערט, גע-מאָלט אויף פאַרשיידנאַרטיגסטע אופנים, פאַרגעשטעלט אין כל-ערליי באַזונדערע געשטאַלטן, בעת דער מחבר פונ'ם רוסישן „לובאָק", למשל, חזר'ט איבער דעם גוף, דעם איינעם און דעם זעלבן גוף, די איינע און די זעלבע חיה, צי פויגל מאָלט ער כסדר אויף איין קינסטלערישן שטייגער אין קלענערע נאָר, אָדער גרעסערע וואַריאַנטן. דער יידישער פּרימיטיוו באַקומט אויף אַזאַ אופן די מעגליכ-קייט צו געבן אין יעדן ווערק אַ האַרמאָנישע פילפּנימדיגקייט און פילפאַרביגקייט, אַדאַנק וועלכע ס'וואַקסט אויס אָהן אַ שיעור דער קאַלאָסאַלער פאַרנעם, דער קינסטלערישער תוכן פונ'ם בילד, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אָפּט אַ מעשה, אַ זעלבשטענדיגע פאַרענ-דיגטע מעשה, וואו יעדער פאַנטאַסטישער פּרט איז אויך פאַרגאַנצט און פאַרענדיגט, געמאָלט מיט אַ תמימותדיג-קלאָרער קינדישער פשטות אָהן די סודותדיג-פאַרטונקעלטע ניט-דערזאָג-טע ליניעס און שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן אָפּט דעם פרעמדן ניט-יידישן „לובאָק".

און נאָך איין הויפּט-איינגנשאַפט פאַר-מאָגט דער יידישער פּלאַסטישער פּרימיטיוו בנוגע צו דער פאָרם. אין אַלע יידישע געמאָל-טע, געשניצטע, געצייכנטע און געקריצטע פיגורן באַשטעהט די פאָרם, די ריינע פאָרם, בלויז פון „איין פלאַך". די אומעטום גע-וועהנליכע קינסטלערישע „דריי-מאָס" פון לענג, ברייט און הויך פעלט לגמרי אינ'ם כאַ-ראַקטער פון דער יידישער פאָלקס-קונסט. דער יידישער אָרנאַמענט פאַרמאָגט דער-פאַר אַן איינאַרטיגע, אַזוי גערופענע, פּער-ספּעקטיוו, די טיף זיינע איז לחלוטין ניט באַ-רעליעפיש, ניט סקולפּטאַריש. און אויך די מצבות אַפילו, וואו דער געמייל טרעט ממילא אַרויס פון דער אַרומיגער פלאַך, וואו די שיל-דערונג איז אַ בילטע און האָט שוין, אייגענט-ליך, אַ רעליעפן היקף, אַפילו אין אַזעלכע בטבע-סקולפּטאַרישע אַרבעטן—האָט דער יידישער פאָלקס-קינסטלער מיט איינאַרטיגע מיטלען אָפּגעהיט די אמת יידישע, אַפּנים, איינפלאַכיגע פאָרם, צוגעגעבן דעם ווערק אַ מאָנאָליטישן כאַראַקטער, פאַרוואַנדעלט אין איין גאַנצן צונויפגענומענעם, איינפאַכיגן און פאַרטיפטן דעריבער אין זיך גופא קינסטלע-רישן שבח.



און האָט ביי האָט
פאַסטן אויף אַזאַ אופן קינ
האָט ביי האָט מיט די עיקר
איבעריגע פּרטיות'ן פונ'ם גע
גערופענער אָרנאַמענט—די
מען, געוויקסן און סתם ליניע
גען און שטריכן. אַט דער א
פאָן, נעהט תמיד ביים יידישן
איין ריכטונג מיטן עיקר, ניט
ווי אינ'ם אַלטרוסישן קונסט-
פולן היסכם מיטן צענטראַלן
בילד. דאָס יידישע פאָלקב
אויף אַזאַ אופן נאָך מער צעמ
צוזאַמענגענאָסן אין באַקומט א
איינעוועניגסטע דינאַמישע באַזו
צו איז דער יידישער מאָלער
פאַרביגן מיטן יידישן אות, ד
אַריינגעפלאָכטן אין דער ייד
געוואָרן איינער פון די יסודות פ
קונסט, איר זינען אָפּט... און
דער יידישער אות שפּילט
שטענדיגע גראַפישע ראָליע
בוך. דער געדרוקטער בלאַט,
עמוד פונ'ם אַלטן יידישן ספר,
מיט זיך אַ גאַנץ בילד, יעדע
באַזונדערע פיזיאָנאָמיע. אַדאַנק
דעם אויסזעהן פון די כל
דעם פנים-אות און די פירושים —
קונטרס-כתב. און אַט די איינגא
שע מעגליכקייטן טאָרן בשו
פאַרגעסן די, וואָס פאַרנעמען זי
עסטעטיק פונ'ם יידישן בוך בכ
לערישן קינדער-בוך בפרט.

בנוגע צו די פאַרבן, צ
פונ'ם יידישן פּרימיטיוו איז כדאי
אַז דער עיקר-טאָן דער יידישע
טונקעלער. בעת דער רוסישער
שרייענדיגער—געל און גרין, א
שער—דאָס רוב גרוי-פיאָלעט.
וואָס איז דאָרט פאַראַן, איז געווא
נייע העל-געפּאַכטע קלייד, וואָ
פרוי וואַשט אויס פאַרן ערשטן
ס'זאָל אָפּקריכן אַ ביסל,
פיערטע, למשל, האָט
נייעם האַרטן פאַרביגן גלאַנץ. יאָ
קעלטע אָפּגעוואַשענע פאַרבינקי
דער געשטעלטער אַלט-יידישער
קינסטלערישער פאַרב-סטיל. ד

און האָט ביי האַנט מיטן אויפגע-פאַסטן אויף אַזאַ אופן קינסטלערישן תיך, האָט ביי האַנט מיט די עיקר-פיגורן, געהען די איבעריגע פּרטיות'ן פונ'ם געמעל, דער אַזוי געראָפענער אָרנאַמענט—די פלאַנצן, בלומען, געוויקסן און סתם לינעאישע באַפּוצונגען און שטריכן. אָט דער אָרנאַמענט, דער פאָן, געהט תמיד ביים יידישן קינסטלער אין איין ריכטונג מיטן עיקר, ניט קאָנטראַסטיש, ווי אינ'ם אַלטרוסישן קונסט-ווערק, נאָר אין פולן היסכם מיטן צענטראַלן בעלי-חי פונ'ם בילד. דאָס יידישע פאָלקס-געמעל ווערט אויף אַזאַ אופן נאָך מער צעמענטירט, ריטמיש ציזאַמענגעגאָסן אין באַקומט איינע אַ גאַנצע אינעווייניגסטע דינאַמישע באַוועגליכקייט, דערצו אין דער יידישער מאַלערישער ריטם. ענג פאַרבונדן מיטן יידישן אות, וואָס האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין דער יידישער גראַפיק און געוואָרן איינער פון די יסודות פון דער פאָלקס-קונסט, איר זיכען אָזטמאָל און איר אינהאַלט. דער יידישער אות שפּילט בכלל אַ זעלבשטענדיגע גראַפישע ראָליע אינ'ם יידישן בוך. דער געדרוקטער בלאַט, למשל, דער עמוד פונ'ם אַלטן יידישן ספר, שטעלט פאָר מיט זיך אַ גאַנץ בילד, יעדע זייט האָט אַ באַזונדערע פיזיאָנאָמיע דאַנק דעם פאַרשיידענעם אויסזעהן פון די כל-ערליי אותיות: דעם פנים-אות און די פירושים—רש"י-כתב און קונטרס-כתב. און אָט די אייגנאַרטיגע גראַפישע מעגליכקייטן מאַרן בשום אופן ניט פאַרגעסן די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער עסטעטיק פונ'ם יידישן בוך בכלל און קינסטלערישן קינדער-בוך בפרט.

בנוגע צו די פאַרבן, צים קאָלאָריט פונ'ם יידישן פּרימיטיוו איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער עיקר-טאָן דער יידישער איז אַ טיף-טונקעלער. בעת דער רוסישער „לובאָק" איז אַ שרייענדיגער—געל און גרין, איז דער יידישער—דאָס רוב גרוי-פּיאָלעט. די העלקייט, וואָס איז דאָרט פאַראַן, איז געוואַשן, אָט ווי דאָס בייע העל-געפּאַרבטע קלייד, וואָס די יידישע פרוי וואַשט אויס פאַרן ערשטן אָנטאָן, בכדי ס'זאָל אָפּקריכן אַ ביסל. בעת די דאָרפישע פּייערטע, למשל, האָט ליב דוקא דעם ערשט-נייעם האַרטן פאַרביגן גלאַנץ. יאָ, די פאַרשונקעלטע אָפּגעוואַשענע פאַרביגקייט איז כמעט דער געשטעלטער אַלט-יידישער געשמאַק, דער קינסטלערישער פאַרב-סטיל. דער יידישער טאָן איז פאַרטיפּט, ניט פרעהליך, ווי דער רוסישער. דער יידישער אויסדערוועהלטער פאָן איז סאַמעט-שוואַרץ, אָהן אַ שיעור פּיאָלעט, גרוי און באַגילדט, ניט גאָלד, נאָר באַגילדט, פאַרטויבט, ווי דער אָפּקלאַנג פון דער אַלטער אַ סך מאָל דערציילטער לעגענדע...

---

טיף-אייגנאַרטיגע אינהאַלט, פאָרם און פאַרב—דאָס אַליין איז אַ גענוגנדער באַווייז, אַז די יידישע פאָלקס-פּלאַסטיק האָט געהאַט איר אייגענעם וועג, אייגענע צילן אין דערגרייכונגען. אין משך פון דורות האָט זי פאַרטיפט איר מהות און געלאָזן אונז בירושה אַ קונסט-גייסט, אַן אָנגעזעטיגטן באָדן, וואו ס'ליגט באַהאַלטן אַ פאָלקס-עשירות, אָהן אַ שיעור אָנגעזאַמלטע פּלאַסטישע פאָרמען און מעגליכקייטן.

ווער-זשע פון אונזערע קונסט-שעפער פון דער לעצטער צייט האָבן אויסגעניצט די פאָלקס-ירושה אויף צו שאַפן דעם נייעם יידישן קונסט-סטיל און קונסט-קולטור?

אָפּגערעדט שוין פון אונזערע ערשטע האַלב-יידישע קינסטלער: אַנטאָקאָלסקי, גינצבורג, אַראָנסאָן און אַפילו דעם גאַנץ-יידישן—הירשענבערג. די דאָזיגע קונסט-שעפער האָבן, ווי די אַסימילירטע השכלה-שרייבער, געשבּרט זייערע בילדער בלויז מיטן יידישן סיוזשעט. ניט פאַרבונדן זיך מיטן יידישן אינהאַלט און, אַ פשוטא שוין—מיט דער יידישער פאָרם. און ניט זיי זיינען געווען באַרופן אַנטפּלעקן נייע קונסט-נעגנג, פאַרטיפן דעם יידישן אָרגאַנישן קונסט-גייסט. ליליען, וואָס איז בטבע אַ גראַפיקער, האָט, כלומרשט, געצויגן זיך צום יידישן סטיל און כאַראַקטער, געוואָלט שאַפן דעם מאָדערנעם יידישן אָרנאַמענט, באַפּוצן דעם יידישן ספר. געוואָלט—אָבער באמתן האָט ער חרוב געמאַכט דאָס יידישע בוך. ניט פונ'ם יידישן לעבעדיגן פאָלקסטימליכן מקור האָט ער געשעפּט זיינע קינסטלערישע מיטלען, זיין השפעה האָט ער באַקומען פון דער נאַציאָנאַל-באַפאַרבטער עטנאָגראַפישער כלי-קודשדיגקייט. דער יידישער אָרגאַנישער קונסט איז ער געבליבן אַ פרעמדער, ניט תופס געווען דעם ריטם פונ'ם יידישן אָרנאַמענט, ניט געוואוסט פונ'ם יידישן אות. ניט אומזיסט האָט ער אַזאַ קרובשאַפט צו דער ירושלימער בצלאל-שול, וואָס האָט פאַרוואָרפן דעם עיקר, דעם פאָלקס-גייסט און גענומען

12 When thou ... of thy produce in ... and hast given it ... the widow, that they ...
13 then thou shalt say ... the hallowed things ... to the Levite, and ... the widow, according

דעם ציוניסטישן ביבל-כאַראַקטער מיט זיין גאַנצער אויסערליכקייט און פּסעוודאָ-ראָמאַנטיק, מיט דער „פּאַלמע" פונ'ם גאָלדפאַדען-טעאַטר און דער „מענאָרא" און „טאָרא" פונ'ם פרוג-ליד און די ראַזסוועט-שרייבער.

שאַגאַל האָט דער ערשטער אויפגעדעקט דעם פאָלקס-תוך פון דער יידישער קונסט, דער ערשטער באַרעקט זיין קינסטלערישן געבוין מיט יידיש פלייש און הויט. ער האָט אונטערגעהערט און תופס געווען די שענע מעשה פונ'ם יידישן פּרימיטיוו, באַרעכטיגט מיט איר זיין „פאַנטאַזיע לשם פאַנטאַזיע" און געעפנט בלי שום ספק ברייטע, ווייטע וועגן פאַר דער יידישער גראַפיק בכלל און, ווי געזאָגט, פאַר דער קינדער-גראַפיק בפרט. און אַרום אים, צוזאַמען מיט אים און נאָך אים ווערט באַשאַפן אַ רייה קינסטלערישע ביכער פאַר יידישע קינדער. ס'ווערן אָנגעמערקט נייע מעגליכקייטן אין נייע דערגרייכונגען.

און וואָס באַשטעהען זיי? כּדי דעם — אַ צווייטן מאָל.

י. דאָבּרושין.

# אונזער ליטעראַטור פאַר קינדער.

(ביבליאָגראַפישע רשימה.)

אונזער קינדער-ליטעראַטור איז נאָך גאָר יונג, וואָרים נאָך גאָר יונג איז אויך אונזער מאָדערנע „יידישע" פאָלקסשול, וועלכע האָט, אייגענטליך, אַרויסגערופן די באַדערפעניש אין ליין-שטאָף פאַרן קינד.

מיר האָבן ניט דעם גאַנצן נויטיגן מאַטעריאַל, כדי צו באַלויכטן די פראַגע וועגן דער אנטשטעהונג, אנטוויקלונג און כאַראַקטער פון דער יידישער קינדער-ליטעראַטור,— איבערהויפט בנוגע צו די אויסגאַבעס פון ערשטן פעריאָד פון 1903—1911 יאָר. וועגן קיין ספּעציעלע קינדער-אויסגאַבעס זיינען ביי אונז ניט געווען. נאָר דאָך, אויף וויפיל עס דערלויבן די קיוועער ניט-גינסטיגע באַדינגונגען, וועלן מיר פרובן געבן אַ ביסל געשיכטע פון אונזער קינדער-ליטעראַטור.

קודם כל מכוח די קינדער-ביכלאך פון דער „פאָרהיסטאָרישער" עפּאָכע. זייערע אַרויסגעבער האָבן ניט געהאַט אין זינען די קינדערשע אוודיטאָריע, זיי האָט זיך אפילו ניט געחלומט אַזאַ אוודיטאָריע,— נאָר אין תוך גענומען דאַרפן די דאָזיגע אויסגאַבעס אומבאַדינגט צוגערעכנט ווערן צו דער קינדער-ליטעראַטור, און אַזוי האָט עס טאַקי געטאָן דער איינציגער און ערשטער „קאַטאַלאָג פאַר פאָלקס- און קינדער-ביבליאָטעקן," וואָס איז אַרויסגעגעבן אין יאָר 1913 דורך דער פעטערבורגער „חברה מפיצי השכלה".

אין 1903 יאָר, לפי ערך, האָט פּיראָזשניקאָוו אַרויסגעגעבן טאָלסטאָיס — „דער געפאַנגענער פון קאַווקאַז", זאָלאַס „דער מביל", פראַנצאָז'ס „אכתר המלכה". אין ערך צו דער וועלבער צייט איז אַרויס אין פונקס אויסגאַבע (ווילנע) פּרץ'ס „צוויי יתומים" און „אויב נישט נאָך העכער". עטוואָס שפּעטער (תרס"ו) איז אין מינסקער פאַרלאַג „קולטור" אַרויס בּייערבערגס „די קמיע", „דאָס קעלבל" און „אין אוונט"; אין דער אויסגאַבע „נייע ביבליאָטעק" (וואַרשע?) איז אַרויס: סטאַניוקאָוויטש — „שיקע", קאָראָלענקאַ — „די אגדה וועגן פלאָר", רידעסמאַן — „יאַפּאַן, לאַנד און איינוואוינער", און נאָך געוויס איינינגע אַנדערע. צו דער „פאָרהיסטאָרישער" עפּאָכע געהערן נאָך איינינגע איינצעלנע אויסגאַבעס פון צופעליגע גרופּעס, ווי למשל: ראַבינאָוויטש — „די צעשניטענע לאָקשן" (אדעס, פאַרלאַג „די בין"), רזבאַקין „יידיש בלוט אויף אַ רפואה" (בערדיטשעוו, 1899), בן-עמי „ערשטער טאָג חנוכּה" (אדעס). בדאי אויך צו דערמאָנען די פרובן פון „פריינד" צו געבן אין זיינע יומטובדיגע ביילאַגעס איינינגע קינדער-דערצעהלונגען פון שלום-עליכמען („דאָס דריידל") און אויך בן-עמי'ס באַאַרבעטונג פון אַנדערסענס מעשהלע, אונטערן נאָמען „פייוול דער גרויסער און פייוול דער קליינער" (שפּעטער אין יאָר 1912 אַרויסגעגעבן באַזונדער דורכן קעשענעווער פאַלאַג „פאַר אונזערע קינדער").

צו דעם זעלבן טיפּ אויסגאַבעס, וואָס זיינען באַשטימט געווען פאַרן ברייטן עולם, פאַרן פאָלק, נאָר קאָנען און זיינען — אַראַנק זייער אינהאַלט און טיילווייז אויך דער אויסערליכער זייט — אויסגענוצט געוואָרן אויך פאַרן קינדערשן לייענער-עולם, דאַרפן צוגערעכנט ווערן פיל פון די אויסגאַבעס פון „ביכער פאַר אַלע", „פאַמיליען-ביבליאָטעק", „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק", „פּראָגרעס", „שימין", „פאָלקס-ביבליאָטעק" און נאָך אַנדערע.

מיר וועלן פרובן אָנצייכענען, וואָס פאַר אַ ליין-שטאָף פאַר קינדער האָבן געגעבן די אַלע אויסגערעכנטע פאַרלאַגן.

אויסגאַבע „פאַמיליען-ביבלי-

אַטעק״. דאָ האָבן מיר אַ רייכע זאַמלונג פון
בראָשורן-דערצעהלונגען פון שלום-עליכמען, דאָס
רוב זיינען עס אָפּדרוקן פון די געזאַמלטע
שריפטן, און „דערפאַר״ זיינען זיי אָפּגעדרוקט
אָהן אַ באַזונדער נומעראַציע, אַרויסגעגעבן איז
עס כלאחר יד, מיט גרייזן און אַנדערע פע-
לערן, אויף שלעכט פּאַפּיר און מיט קליינעם
מטושטשן שריפט. ווען אַ באַזונדער רעדאַק-
ציע, וואָס זאָל אין זינען האָבן דעם קינדער-
עולם, איז געווים ניטאָ וואָס צו רעדן, נאָר דאָך,
ניט קוקנדיג אויף אַלע חסרונות, האָפּן יידישע
לערער די גאַנצע צייט אויסגעניצט די דאָזיגע
ביכלאַך און וועלן נאָך, מסתמא, אַ לענגערע
צייט זיך מוזן באַניצן מיט זיי. פון שלום-עליכמען
קאָנען פאַר קינדער אויסגעניצט ווערן פאָלגענ-
דיגע ביכלאַך: אַ וואָגרישנע בילעט, דער יינג-
סטער פון די מלכים, די ערשטע קאָמונע, חוה,
עולם הבא, הונדערט איינס, ערב-פסחדיגע
עמיגראַציע, אַן ערב פסח אין דאָרף, ל״ג בעומר,
מתושלח, דער וויגער, אַ בלעטל שיר השירים,
גזלנים, צוויי טויטע, דאָס פּאַר פּאַלק, מענשן,
טביה דער מילכיגער פאָרט קיין ארץ ישראל,
גאָלדשפּינערס, ביים קעניג אחשורוש, ראַבטשיק,
דער טויטער אתרוג, חנוכה-געלט, אַ פאַרשטער-
טער פסח, צוויי שלח-מנותן, 75 טויזנט, אויפן
פידל, איין מאָל אַ סוכה, די פאָן, גענז, דאָס
דריידל, קעניג פּיק, אַ זעקס און זעכציג, בלו-
מען.—פאַראַן דאָ אויך נים פיל אַנדערע גע-
מען, אַזוי למשל: רייזינס—„פאַרשפּעטיגט״,
„דער פוילישער גלח״,—פאַראַן אויך אַ פּאָר
נעמען פון שלום אַש און ספּעקטאָר.

דעם זעלבן כאַראַקטער טראָגן די אויס-
גאַבעס פון „ביכער פאַר אַלע״. פון דער
אויסערליכער זייט שטעהען זיי העכער, אָבער
זיי האָבן אַן אַנדער חסרון: זיי זיינען אַרויסגע-
געבן מיט נקודות. דאָ געפינען מיר פאָלגענדיגע
ביכלאַך פאַר קינדער: רייזין—דער סאַמאָוואַר,
סכך אויף סוכות, שכר לימוד; דעפאָ—ראַבינ-
זאָן קרוזאָ; ס. ערוואַנטעס—דאָן קיכאָט (איבערגעז.
פון ש. זעצער); ספּעקטאָר—אַ שטרייק פון קבצנים;
פרישמאַן—דריי האָבן געגעסן.

„פאָלקס-ביבליאָטעק״ (וואַרשע)
האָט אַרויסגעגעבן: אוּאַיילד—דער גליקליכער
פּרינץ (1911), דאָס שטערן-קינד; לונקעוויטש
—ערד. די „קליינע פאָלקס ביבלי-
אָטעק״ (וואַרשע) האָט אונז געגעבן: רייזין
—די יידישע גאַס; טשיריקאָוו—דער קליינער
בעל-עברהניק. „פּראָגרעס״ האָט אונז גע-
געבן: יהואש—היאַוואַטאַ; ד׳אַמיטשיס—די מו-
טער; לונקעוויטש—זאַליץ, דונער און בליץ;
שלום-עליכם—מאָטל פּייסי דעם חזנס, יידישע
קינדער; קוראָטשקין—פלאַנצן-לעבן; קאַראַב-
טשעווסקי—ערצעהלונגען וועגן ווילדע מענשן;
קאַמענסקי—אברהם לינקאָלן; קאָראָלענקאָ—
דער בלינדער מוזיקאַנט; פיל. קראַנץ—די גע-
שיכטע פון אַמעריקע; רובאַקין—די אייביגע
מלחמה אין דער נאַטור. דער זייער-צייט,
„שימין״ האָט געגעבן דער קינדער-ליטעראַ-
טור: שטיינבערג—חסידישע מעשהלאַך, אין
יענע צייטן; קיפּלינג—דאָס בוך פון דער וויסטע.
—ס׳זיינען פאַראַן נאָך אייניגע ביכלאַך, וואָס
טויגן פאַר קינדער, אָבער מיר ווייסן ניט, אין
וועמעס אויסגאַבע זיי זיינען ערשינען (אָפּט-
מאָל פעלן פשוט אויף אַזעלכע ביכלאַך דאָס
יאָר און דער פאַרלאַג): קידריאַוווסקי—אדם
הראשונ׳ס דורות; פרץ—צווישן צוויי בערג;
אַש—מאָטעלע; טויזנט און איין נאַכט, באַאַר-
בעט פון נאָמבערג; 4 מעשהלאַך פון אַנדער-
סען—ביילאַגע צום „שטראַהל״; גאַרשין—דער
סיגנאַל; טאָלסטאָי—קאַזאַקן („אינטערנאַצ. ביב-
ליאָטעק״, וואַרשע 1911); לונקעוויטש—ערד-
ציטערניש און וואולקאַנישע בערג (ברעכלעכס
אויסגאַבע); מאַרזאַן—פסח (אָרעם); סוויפט—
די קליינע מענשעלאַך, די רייזן (אינטערנאַצ.
ביבליאָטעק.); קאָנאָפּניצקאַ—מענדל דאַנציגער
(וואַרשע), רייך (אינטערנאַצ. ביבל. וו. 1906);
קאַראַלענקאַ—דער וואַלד רוישט; רובאַקין—די
וואונדערבאַרליכע ערפינדונגען, ווי אַזוי דער
מענש באַזיגט די נאַטור, ווי לעבן די חיות;
ריוועסמאַן—דעם זיידנס משלים („עזרה״).

וועגן די פּאָפּולערוויסנשאַפטליכע אויס-
גאַבעס, וואָס זיינען דאָ אויסגערעכנט, איז נוי-
טיג צוצוגעבן, אַז אין איצטיגער צייט קאָנען
זיי נים דינען אַלס לייען-מאַטעריאַל: זייער
שפּראַך איז דייטשמעריש, דער סטיל—אינגאַנצן
פאַרעלטערט.

---

מיר טרעטן אַריין אינם צווייטן פעריאָד.
פאַרשיידענע גרופּעס פון לערער און געזעל-
שאַפטליכע טוער גרינדן ספּעציעלע פאַרלאַגן
אויף אַרויסצוגעבן קינדער-ליטעראַטור, עס
ווערן אַרויסגעלאָזן ספּעציעלע אויפרופן,
מע גרינדעט חברות און „אַקציען-געזעלשאַפטן״
צו דריי, פינף רובל אַ „פּאַי״, מע פירט אַ ברייטע
קאָרעספּאָנדענץ... און אין רעזולטאַט פאַרפילט
מען ווי עס איז דעם חלל, וואָס מע האָט

דערזעהן אויף אונזער ביכער-מארק. מע הויבט אן ארויסגעבן שענע, ספעציעל רעדאקטירטע קינדערשע אויסגאבעס מיט צוגענגליכע פרייזן.

אין אדעס-קעשענעוו באשאפט זיך אין יאר (12—1911) ביים נאהענטן אנטייל פון די לערער: י. מיזיל, פריד, בארשאי און אנדערע דער פארלאג „פאר אונזערע קינדער“. מיט גרויסע שוועריגקייטן קומט אן דאס ארויסלאזן פון יעדן ביכל, אבער דעם פארלאג גיט זיך דאך איין ארויסלאזן עטליכע געציילטע ביכעלאך: ספעקטאר — קינדער; פרוג — דאס שביסל; פרץ — דער קונצענמאכער; בן עמי — פיוול דער גרויסער און פיוול דער קליינער. — דעם זעלבן כאראקטער טראגן די קינדער-אויסגאבעס פונ'ם קיעווער „קונסט-פארלאג“ (געגרינדעט צו 15 רובל א פאי, און אים האט געלונגען פארשפרייטן ביז... 10 אזעלכע פאיען!). דעם „קונסט-פארלאג“ גיט זיך אויך איין ארויסלאזן נאר עטליכע קינדער-ביכעלאך: ג. מייזיל — א מעשה מיט דריי תלמידים, דער וואונדערפויגל; יעקב מארזאן — אונזער געשיכטע, 2 טיילן; ל. רעזניק — דער אלטער ספר. די אויסגאבעס פון ביידע פארלאגן צייכענען זיך אויס מיט זייער אויסערליכער זייט, און וועלכער עס פיהלט זיך א ליבע-באציהונג און זארגזאמקייט מצד די ארויסגעבער; זייער אינהאלט איז אויך באפרידיגנדיג, — דאך העכער שטעהען אין דעם פרט די ביכלאך „פאר אונזערע קינדער“. די לערער און די קינדער האבן באגעגנט די דאזיגע ביכלאך מיט גרויס פרייד און צופרידנקייט, און עס איז געווען באמת א יום-טוב אויף דער קינדער-גאס.

מיט א פאר יאר שפעטער אין 14—1913 גרינדעט בירנבוים אין ווארשע דעם פארלאג „מעשהליך“, וועלכער באוויזט ארויסצוגעבן 14 נומערן: שרה בת טובים, דער העלפאנט — קופרינס, דאס ים-מיידעלע — אנדערסענס, דאס גוטע קינד — ד'אמיטשיס, דער ארענדאר, שולמית — שטיינבערגס, פאלקס-מעשהלאך (א זאמלונג), דאס בלינדע יינגעלע, דאס פאסטוכל — קאראלענקאס, אלע-לוק-איע — אנדערסענס, פושקין — דאס גילדענע פישעלע און קיפלינג — דאס קעמל מיטן הארב, נסים אויפן ים, שלמה המלכ'ס משפט („דער דין-תורה מיטן ווינט“). די אלע אויסגאבעס זיינען געווען אילוסטרירט מער אדער ווייניגער אנשטענדיג און ארויסגעגעבן מיט א בולטן גרויסן שריפט אויף גוט פאפיר. די ארגינעלע ווערק האבן פולקים

באפרידיגט אויף אזא אופן סיי לויט זייער אינהאלט, סיי לויט דער אויסערליכער זייט. דערפאר אבער האבן זעהר ווייניג באפרידיגט די איבערזעצונגען: זייער שפראך איז געווען טאנדעט און דייטשמעריש, זיי האבן בכלל געמאכט אן איינדרוק פון אן אייליגאייסגעפירטער ארבעט, ניט ערנסט און אהן א ברעקל געשמאק.

אן ערך צו דער זעלבער צייט גיט ארויס „ווילנער פארלאג“ פון ב. א. קלעצקין די „מעשהלאך פון חומש“ ש. אש'ס און קיפלינגס — דאס בוך פון דזשאנגל. דאס לעצטע ווערק איז ארויס אין א צווייטעגדיגער אויסגאבע: אין איין בוך אינאיינעם און אין 8 באזונדערע ביכלאך צו איין קאפיטל אין יעדערן. די דאזיגע צוויי קינדער-אויסגאבעס פון א פריוואטן פארלעגער זיינען געווען א מתנה פאר דער יידישער שול — זיי זיינען געווען אן אנזאג אויף בעסערע צייטן, וואס דערנעהענטערן זיך. און וועלן ברענגען מיט זיך זעהר פיל אזעלכע ליבע אויסגאבעס. אין קלעצקינס פארלאג הויבן אויך אן ארויסצוגעהן די „גרינינקע בוימעלאך“ *) וועלכע בארייכערן אונזער קינדער-ליטעראטור מיט א סך נייע איבערזעצטע און ארגינעלע ווערק. די „גרינינקע בוימעלאך“ האבן מיטגעהאלפן דער פארפיינערונג פון געשמאק פון דער קינדער-אודיטאריע, זיי האבן, ענדליך, פארברייטערט און פאראייניגט דעם קרייז פונ'ם נייעם געברויכער אויף דער „קינדער-ליטעראטור — די שול, דעם קינדערגארטן און שפילפלאץ, די לייען-זאלן פאר קינדער.

אויך אין דער צייט פון דער מלחמה, פון די רדיפות אויף יידיש, שטעלט זיך ניט אפ דער וואוקס פון אונזער קינדער-ליטעראטור. פארקערט, דער שטראם פון היימלאזע מיטן נייעם טיפ שולן און קינדער-היימען, וואס איז אויסגעוואקסן אין דעם פעריאד פון 17—1915, רופט ארויס נייע אויסגאבעס מיט זעהר אינטערעסאנטע פרובן. און, אייגענטליך, נאר אין דער צייט הויבט זיך אן די נאטירליכע אנטוויקלונג פון א ספעציפישער קינדער-ליטעראטור ביי אונז. נאר פון דעם פעריאד אן געהען מיר אריבער פון ארגאנזשערי-פרובן צו

*) א ביסל פריהער איז אין ווארשע געמאכט געווארן א פרוב, אמת זעהר ניט קיין געלונגענער, צו שאפן א קינדערשן זשורנאל אויף יידיש אין דער פארם פון א ביילאגע „פארן קליינעם עולם“ צו דער „יודישער וואך“.

זעלבשטענדיגע און וואס וויטער אלץ מער ערנסטע אונטערנעמונגען.

מיר וועלן דא געבן נאר א קורצן איבערבליק איבער די אלע שפּעטערדיגע פארלאגן און זייערע אויסגאבעס: איינצעלקייטן זיינען דא איבעריג, ווייל זיי זיינען נאך גאנץ פריש אינ'ם זכרון פון לעזער און ווען פיל זיינען געווען ידיעות אין „ביכער-וועלט“.

פארלאג „קינדער-וועלט“ האט ערב דער מלחמה פארטראכט א סעריע ביכלאך אונטערן נאמען „די וועלט פון חיות און פויגלען אין באשרייבונגען, דערצעהלונגען און מעשהלאך“. עס זיינען ארויס נאר א פּאר בראשורן, וואס די ערשטע פון זיי האט געטראגן דעם נאמען „די מוטער נאטור“—פון ש. הורוויץ (זאלקעס), ווארשע, 1914.

די ווילנער „קינדער-ביבליאטעק“ האט צו דער זעלבער צייט אויך ארויסגעלאזן עטליכע ביכלאך, צווישן זיי: ר'אמיטשום—א מיידעלע, וואס האט געראטעוועט א צוג, איבערגעז. פון ד. טשארני, און בזאי—פּאטער און זון, איבערגעז. פ. היילפּערין.

„בילמעלאך“ אין אדעס (שפּעטער פארלאג פון אדעסער אפּטיילונג פון „דעמאקראטישן לערער-פארבאנד“ און איצט פון „קולטור ליגע“—אדעסער אפּט.) געבן ארויס: מענדעלי מו"ס—הערשעלע; שטיינבערג—די שטאט „שוועסניט“, ברודערל און שוועסטערל, דער מאלער; ב. שאפיר—א קליין מענשעלע; דער קאצן-מלך, דריי פרינצן; די קארליקלאך און דער צילינדער; נארדוי—די קלוגע שוועסטער; מאמין-סיביריאק—דער הצלרישער האז (איבערגעז' ח. ר.). רייזין—די נייע לאטע.

קלעצקינס פארלאג (פּעריאד פעטערבורג-מאסקווע) לאזט ארויס פאלגענדיגע ביכלאך: בוש: איבערגעז. פון ע. קארמאן—דער גוטער קארליק, די מאלפּעס און דער שטעבלטיר (1916); בר. גרים—א מעשה מיט דריי ברידער, א גבורה פון א שניידערל; ד. איינהארן—א מאמעס טרערן, א מעשה פון זיבן שטומע פויגעלאך; י. דאברושין—אין גארטן; וואגנער—מעשיות וועגן פייער און ליכטיגקייט (מיט 28 געמעלן); בעל-דמיון—א מעשה פון דעם פרומען ר' חנינא; פ. היילפּערין—דעם מענשענס צונג; וואגנער—ערצעהלונגען וועגן דעם, ווי אזוי געוויקסן זיינען געבויט און ווי זיי לעבן (מיט 38 געמעלן). דער זעלבער פארלאג גיט שפּעטער ארויס אין קיעוו קאריקס אילוסטרירטע מעשהלאך אין באזונדערע העפטן.

אין ווילנע גיט ארויס ד. רויכעל אין 1917 צוועלף נומערן, וועלכע זיינען דערנאך אין 1919 איבערגעדרוקט געווארן אין קיעוו פון מאטריצן אינ'ם פארלאג „אנהויב“.

אין 1917 גרינדעט זיך אין קיעוו דער „קיעווער פארלאג“, וועלכער אנטוויקלט א גאנץ אינטענסיווע ארבעט. ער האט ביז'ן היינטיגן טאג ארויסגעלאזט קרוב צו 60 נומערן פאר קינדער, צווישן זיי אייניגע גרעסערע און ווערטפולע ביכער, ווי נסתר'ס מעשהלאך אין פערזן (צוויי אויפלאגעס), אנדערסען אין צוויי אויסגאבעס, דאס געזאנג פון הייאוואטא, גוליווער אין ליליפוטן-לאנד, 20 ביכלאך פון דער סעריע „שול-ביבליאטעק“ מענדעלי מו"ס—דאס קעלבל (צוויי אויפלאגעס) א. א.

אריה פארלאגן זיינען אנטשטאנען אין דער צייט אויך אין די געביטן פון דער דייטשער אקופּאציע: ווילנער פארלאג „די נייע יודישע פאלקסשול“ האט ארויסגעלאזן 6 ביכלאך; ביאליסטאקער פארלאג „קינדער“—5 ביכלאך.—דער מאסקווער פארלאג „חב"ר“, רעדאקטירט פון אקצין, האט ארויסגעגעבן 10—12 נומערן פאר קינדער.

עס זיינען געווען אויך אנדערע איינצעלנע קלענערע פארלעגערישע פּרובן. די ווילנער „לערער-קאמיסיע אויפ'ן נאמען פון י. ל. פרץ“ האט ארויסגעגעבן: פּושקין—א מעשה מיט א טויטער בת מלכה און זיבן גבורים, איבערגעזעצט פון לייב נײדוס (תרע"ז). די זעלבע קאמיסיע האט אויך ארויסגעגעבן אין רויכעלס באארבעטונג—דאס קובעלע, הסנדל קרעהער און פּיקסל נאשער, פּיקסל גנב אין העזעלע פחדן, פארלאג „קינדער-היים“—ווארשע האט ארויסגעגעבן: לאנדינסקי: קינדער-לידער און קינדערגעדיכטן, מיט א פארווארט פון י. דינעזאן. קינדער-ביבליאטעק „איך וויים אלץ“ (פארלאג ל. פרענקעל, ווארשע) האט ארויסגעגעבן „חורבן ירושלים“, פּאעמא פון י. העפטמאן (1918). לעווין עפּשטיינס פארלאג האט אפּגעדרוקט: טונקעלער—דער פּורים-בער, א טעאטער-שטיק פאר קינדער אין 3 אקטן.

כארקאווער „פעדאגאגישער פארלאג“ האט ארויסגעגעבן 6 נומערן פאר קינדער.

קאטערינאסלאווער פארלאג „נאטור

און מענש"—האט ארויסגעלאזן ביז 10 נומערן.

---

אויף אזא אופן דערגרייכט די רשימה פון די אויסגאבעס, וואס קאנען אויסגעניצט ווערן פארן זעלבשטענדיגן קינדערשן לייענען—ביז 100, וואס זיינען ערשינען אין פארשיידענע צופעליגע מקורים, און האבן ניט געהאט אין זינען ספעציעל די קינדער-אוודיטאריע, און חוץ דעם איז ביי אונז ערשינען ניט ווייניגער פון 150—200 נומערן, ארויסגעגעבענע ספעציעל פאר קינדער, רעדאקטירטע דורך ספעציאליסטן און באשטימטע לכתחילה נאר פאר קינדער. דעם דאזיגן וואוקס וואלטן מיר מיט 10 יאר צוריק ניט געקאנט אפילו זיך פארשטעלן; איצט איז דאס א פאקט, מיט וועלכן מיר מעגן שטאלצירן און בפרט, אז די איצטיגע אויסגאבעס דרוקן זיך אין דער צאל פון 5 ביז 8 טויזנט עקזעמפלארן יעדערע.

ח. ש. קאזדאן.

## צום אנדענק פון שלום עליכם.

192. צום אנדענק פון שלום עליכם. זאמעלבוך, רעדאקטירט פון י. צינבערג און ש. ניגער. ארויסגעגעבען דורך דעם י. ל. פרץ-פאנד, וואס ביי דער געזעלשאפט פאר יידישע ליטעראטור און קונסט. מיט 6 פאטאגראפיעס און 8 בילדער, געמאלט פון מ. שכל. פעטערבורג, תרע"ז—1917, ז. 180. אין $16^0$. פר. 15 ר.

צי האט שלום-עליכם לעבן א „ביאגראפיע", צי איז דאס דאזיגע לעבן א געשיכטע פון א נייסט-אנטוויקלונג? צי זעהען מיר אין אלע מאמענטן פון שלום-עליכמס לעבן שטופעס פון א וואקסענדיגער פערזענליכקייט און צי איז, ענדליך, שלום-עליכם אזא פערזענליכקייט געווען?

אויף די דאזיגע הארבע פראגן, וועלכע מוזן שאפן דעם באדן פאר דער קומענדיגער שלום עליכם-פארשונג, זוכן מיר אן ענפער אין דעם שלום עליכם זאמלבוך, וואס איז ערשינען צוריק מיט א היפשער שטיק צייט אין פעטערבורג און קומט ערשט איצט אן אויף אוקראינע.*)

מ'קאן נישט זאגן, אז די יידישע ליטעראטור זאל ביז איצט נישט האבן גאר געענפערט אויף די דאזיגע פראגן, אבער דער ענפער איז פון תחילת אן געווען א צווייפעלדיגער, א סתירהדיגער. ווארים אנטקעגן דער נייער אפשאצונג פון שלום-עליכמס שאפן, וועלכע זעהט אין אים א קינסטלערישן סך-הכל פון א געוויסער עפאכע, א סך-הכל וועלכן די מאדערנע יידישע קולטור האט צו פארדאנקן פילע פון אירע דערגרייכונגען און ערב-דערגרייכונגען, אנטקעגן דער דאזיגער אפשאצונג שטעהט די אפגעלעבטע פארשטעלונג וועגן שלום-עליכם דעם לץ, וועגן שלום-עליכם, דעם יידישן מארק טוועין, אזא פארשטעלונג, וועלכע זעהט אין שלום-עליכמס שאפן בלויז די אפפאלן פון א היסטארישער תקופה. און עס איז גאנץ נאטירליך, אז די פארשטעהער פון דער לעצטער אפשאצונג מוזן מיט דער זעלבער מאס צוגעהן אויך צו שלום-עליכמס לעבן, צו שלום-עליכמס פערזענליכקייט. פאר דעם דאזיגן לעזער-שיכט האט שלום-עליכמס העלד „דער ייד פון א גאנץ יאר" פארנומען דאס ארט פון שלום-עליכם—דעם מחבר און די ביאגראפישע מאטעריאלן פון שלום-עליכמס לעבן האבן די דאזיגע לעזער געשעפט פון דער פארערדע צו מנחם-מענדלען, וואו שלום-עליכם דערצעהלט, אז ער איז אליין „געגאנגען מיט מנחם-מענדלען קיין פעטערבורג און ווארשע", פון דעם יארגלאנגן דיאלאג צווישן שלום-עליכמען און טביה'ן, פון דאנען און נאר פון דאנען. ווארים דער העלד און דער מחבר זיינען, ווי געזאגט, געווען פאר'ן לעזער אידענטישע פיגורן. ווי ווייט ווערן די דאזיגע ביידע שלום-עליכם-אפשאצונגען פארטראטן אינ'ם שלום עליכם-זאמלבוך און ווי ווייט ווערן זיי בארעכטיגט דורך די מאטעריאלן, וואס זיינען צום זאמלבוך צוגעגעבן?

מיט א גאט-געבענשטער לייכטקייט און באפליגעלטקייט געהען—שוועבן שלום-עליכמס בריף, וועלכע ווערן פארוואנדלט אין נאוועלטארישע ווערק פון א געוויסער ליטעראַרישער תקופה (זעה מ. ספעקטארס זכרונות), בריף, וואס ווערן אן אנדערש מאל עדות פון א ריינעם, קינסטלערישן געוויסן, וועלכער שרעקט זיך פאר א „טענדענציע" (ראווניצקים זכרונות) און לאזט אזוי שווער זיך צו שטראפן פון יעדן פעלער, וואס ער באגעהט (די שרירה-בריף), בריף, ענדליך, וואס זיינען פול מיט אינער-

---

*) דער דאזיגער זאמלבוך, ווי אויך אנדערע ביכער, וואס זיינען ערשינען אויסער אוקראינע און יעצן הייסער רעצענזירט, אדער רעגיסטרירט, געפינען זיך איצט צענטראלן ארכיוו און ביבליאטעק פון „קולטור-ליגע" אין קיעוו. די רעד.

דעם פאַך, פון וועלכן מע שרייבט, צווייטנס, דאַרף מען האָבן וועלכע עס איז סיסטעם, ווי אזוי דעם מאַטעריאַל איבערצוגעבן. אין דעם ביכל פעלן ביידע זאכן, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס איינער פון די מחברים איז א לערער.

דערלערנען נאָר לופט און וואַסער און אויף דעם באַזירן א גאַנצן קורס פון אַלגעמיינע איינגשאַפטן, באַגריפן פון כעמיע א. ד. ג.— דאָס איז א נײַס. וואָס זײַנען די מאָטיוון פון אזא מין קורס? אפשר, פשוט, פאַרלעגערישע חשבונות?

אָנהויבן דעם קורס פון אַלגעמיינער איינגשאַפט, פון מאָלעקילן וכדומה—פון כלל צום פרט—דאָס איז נאָכגעמאַכט געוואָרן דווקא דער ערגערער רוסישער פאַך-ליטעראַטור.

דאָס גאַנץ ביכל באַשטעהט פון באַשטימונגען, כללים מיט קאָנספעקטיווע דערקלערונגען צו זיי, ווי אין א ביכל פון צוריק מיט א יאָר פערציג-פופציג. די פראַגן נאָך יעדער פאַראַגראַף זײַנען פון אזא מין: „וויפיל וועגט דאָס קילעבל?" „ווען וואָס האָט דער לערערער געשמועסט מיט יאַנקעלען?" וכדומה זעהר נישליכע פראַגן.

וואונדערט זיך ניט, וואָס פון גאַנצן ביכל ווער'ן אויסגעטיילט צוויי פאַראַגראַפן (5 און 4) מיט א פאָרם פון דיאַלאָגן—דאָס איז פשוט איבערגעשריבן געוואָרן פון פאָלבער'ן (פאַרגלײַך רוס. איבערז. מאָסקווע, 1905 יאָר, זײַטן 156—159). אָנווײַזן, אז עס איז פרעמדס, דאַרף מען ניט—קיינער וועט בײַ דער האַנט ניט כאַפּן... אגב, האָט מען אפילו איבערזעצן ניט געקאָנט ווי געהעריג און צוליב דעם איז דער § 5 אַרויס פשוט קאָמיש.

דערפאַר ווייס איך ניט פון וואַנען אונזערע מחברים האָבן געשעפט זייערע ידיעות פון כעמיע, אזא איינפאַכע עמאַרצות איז פשוט וואונדערליך. (זעה, למשל, זײַטן 44 אונטן, 90 93, 95 איננאַנצן און נאָך). און די דרוקפעלערן, זיי פאַרוואַנדלען גאָר גאַנצע פאַראַגראַפן אין א מין רעדן פון היץ. איבערהויפט די ווערטער: וואַסערשטאָף, זויערשטאָף, קוילנשטאָף האַלטן זיך אין איין בײַטן מיט די ערטער.

די שפּראַך איז ניט בעסער פון אינהאַלט.

בקיצור—א פאַלעגער, וואָס היט אָפּ דעם איינענעם כבוד, וואָלט אזא ביכל בעסער פאַרקייפט אויף פּאַק-פּאַפּיר. עס איז אויך צו באַדויערן, וואָס ד. קאַסעל האָט זיך גענומען צו א פרעמדן פאַך.

א. גאַלאָמב.

---

211. דער נסתר. מעשהלאַך אין פערזן. צווייטע אויפלאַגע, „קיעווער פאַרלאַג". תר"עט, אין 32° 51 ז. פרייז 3.60 ר. געדרוקט אין 4.700 עקז.

שוין בײַ דער ערשטער אויסגאַבע איז דאָס דאָזיגע ביכעלע אויפגענומען געוואָרן דורך אונזער קריטיק און לייענער-עולם מיט גרויס אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט. דאָס דאָזיגע קליינע ביכעלע איז געוואָרן אזוי פּאָפּולער און באַליבט צווישן אונזער עלטערן און יינגערן לייענער-פּובליקום, אז עס האָט געפאָדערט שוין אויפן צווייטן יאָר א נײַע אויפלאַגע.

ווי אַלע אמת-קינסטלערישע ווערק פאַר קינדער, קען אויך דאָס ביכעלע דינען פאַרן בעסטן לייען-מאַטעריאַל אויך פאַר דערוואַקסענע מיט א פּובליקום אַנטוויקלטן ליטעראַרישן געשמאַק. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אמתער קונסט, וואָס ציהט דערבײַ איר יניקה פון קוואַל פון פאָלקס-שאַפענדיגער פאַנטאַזיע און איז אויסגעדריקט אין אזעלכע פאָרמען און בילדער, וואָס מאַכט דאָס ביכעלע צוגענגליך און פאַרשטענדליך אויך פאַר דער קינדער-אודיטאָריע.

נסתר איז אין די „מעשהלאַך" א פּיאָנער, ער מאַכט דעם ערשטן פּרוב צו איבערדיכטן דעם פאָלקס-באַנעמען פון דער חיות-וועלט. אויסער דעם איינציגן מעשהלע „א חורבה", דינען פאַר אַלע אָהן אויסנעם איבעריגע מעשהלאַך אַלס טעמעס נאָר די חיות און עופות פון דער יידישער וועלט. און מיר באַקומען אויף אזא אופן א פּרוב צו שאַפן אונזער איינענעם נאַציאָנאַלן „חיות-עפּאָס". און געשעפט איז דאָס באמת פון די טיפענישן פון פאָלק—פון זיין לעבעדיגן און שעפערישן, געזונטערן און עמאָציאָנאַלן טייל. ווען איר לייענט נסתר'ס מעשהלאַך, ווייזט זיך אייך אויס, אז איר האָט שוין אַמאָל געהערט אזא סיפור-מעשה, אז איר האָט עס אַמאָל קינדערווייז אַליין דערציילט אייערע קלענערע שוועסטער-און-ברידער און חברים.

דער נסתר האָט אַנטפּלעקט פאַר אונז נאָר נײַע מאָטיוון. די יידישע „גלות"-נשמה

פאַרמאָגט דאָ הייסע און צערטליכע ליבע צו
די אַרומיגע חיות און עופות.

דער צענטער פון נסתר'ס „חיות-עפּאָס" ליגט אָבער ניט אין דער כאַראַקטעריסטיק פון די חיות גופא, נאָר פון דעם פאָלקס באַציהונג און פאַנטאַזירן וועגן די דאָזיגע חיות. מיר באַקומען דאָ אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פון פאַנטאַסטישע אויפפאַסונגען, צערטליך-טרוימערישע באַנעמונגען פון די ייִדישע חיות און זייער סודותפילן לעבנס-שטייגער און אויפפירונג, אויף וועלכן עס זיינען דערצויגן געוואָרן גאַנצע דורות פון ייִדישע פאָלקס-קינדער. און דערפאַר טראָגט דער דאָזיגער עפּאָס אַ שטרענגע און בולטע נאַציאָנאַלע באַפאַרבונג. איר האָט דאָ אַ מעשה מיט אַ חנעוודיג-כישופדיג מדיש קעצל, וואָס געהט אַרום איבער דער וועלט מיט שליחות „און אַ בינטל עפּים זאַכן דעם אויף העלזל איז געהאָנגען:— פון רפואות, נישט רפואות, סגולות, פלעשעלאַך און מינים, זעלבלאַך, וואַסערלאַך געמישטע גרוי און אַשקאָליר מיט גריגעם"; דאָס ווייסע ציגעלע, וואָס „געהט אַרום און וואַנדערט אום אויף וועלט", „האָזל-קעפּל" און „קעפּל-קרויט", וואָס זיינען ביידע זיך געפעלן און רעדן אָפּ „באַלד אַ חופה שטעלן"; די „שרעטעלאַך אין הייזער, רוהלאַך, שאַלעמויזן", וואָס האַלטן אין די מיזנלעכער „קריגעלאַך מיט פענדלאַך און אווינע טעפלאַך, אָנגעשיט מיט רענדלאַך"; דער גולם-מענש פון שניי, וואָס „אַלע נאַכט, ווען קלויסטער-גלאָק שלאָגט אויס צוועלף, האַלבע נאַכט שוין, געהט אַרויס דער גולם-באָק, געהט אַרויס דאַן און שפּאַצירט זיך שטיל און גולמיש און שטום"; די הענדעלאַך, וואָס אַלע נאַכט טוען זיי ניט קרעהען, נאָר גאָר „נשמות מזכיר-זיין",—דאָס זיינען אַלץ אמת-ייִדישע, פון די טיפסטע פאָלקס-קוואַלן אַרויסקומענדיגע מאָטיוון, וואָס זיינען פול מיט פאַנטאַסטישן רייץ און גלאַנץ, און שיינען מיט אַזוי פיל ייִדישן חן און גוטמוטיגקייט.

נאָר נסתר'ס כוח ליגט דאָ ניט נאָר אין די מאָטיוון און סיוזשעטן, וואָס זיינען אויסגעניצט אין דעם ביכעלע, נאָר אויך אין דעם, ווי אַזוי זיי זיינען אויסגעניצט. נסתר האָט אין זיין רשות ריין-קינסטלערישע און אַרכיטעקטאָניש-סטיליסטישע מיטלען, דאַנק וועלכע דער עפעקט און עסטעטישער הנאה פון זיינע פערזן ווערט נאָך פיל מאָל פאַרשטאַרקט. דאָ איז אויסגעניצט אַלץ: דאָס פאָלקסטימליכע איבערחזרן פון ווערטער איי-יעדן פערז און פון בילדער-אויסדריקן אין יעדן קופּלעט; די פאַרקלענערונגס-פאָרמען, וואָס זיינען אַזוי ענליך צו די, וואָס קלינגען אין מויל פון פאָלק און קינדער; אַלטמאָדישע ווערטער, וואָס זעהען אויס אַזוי צוציהענדיג אין דער דאָזיגער פאַנטאַסטישער אַטמאָספער; די כאַראַקטעריסטישע אויסמיידונג פונ'ם אַרטיקל; דער באַווּנדערער בוי פון זאָץ מיט דער פאָלקס-קינדערשער פונאַנדערשטעלונג פון די ווערטער; נאָך פיל ריין-נסתרשע אייגנשאַפטן, וואָס לאָזן זיך ניט אַפילו אַזוי קלאָר צו פאָרמולירן, און וואָס מאַכן זיין גאַנצע שפּראַך און סטיל אַזוי מילד און בויגעוודיג, שפּילעוודיג און קינדעריש...

די אַלע אויסגערעכנטע גרויסע מעלות פון דעם ביכעלע געבן די בעסטע מעגליכקייט עס איסצוניצן אין שול. דער מאַטעריאַל פון נסתר'ס מעשהלאַך דאַרף פריהער פאַר אַלץ הויך אָפּגעשאַצט ווערן דורכן לערער פון שטאַנדפּונקט פון עטיש-עסטעטישער דערציהונג. ווייטער דאַרף דאָס ביכעלע ווערן אַ מיטל אויף צו אַנטוויקלען דעם שפּראַכן-חוש פון די קינדער און זייערע שאַפונגס-פעהיגקייטן אויפן באָדן פון דער מוטער-שפּראַך. נסתרס סטיל איז דאָ פונקט צוגענגליך און נאָהענט פאַר די קינדער. דער ריטם פון די פערזן איז אַ גרינגער, כמעט אין גאַנצן בוכל אָהן אויסנעם אַ פיר-פערזנפיסיגער כאָרעי. דעריבער לאָזן זיך די אַלע ווערק אַזוי גרינג אויסלערנען אויפאויסנוועניג און קלינגען אַזוי שען אין די קינדערס מיילער. מיר וויסן אויך פון אינטערעסאַנטע און געלונגענע פּרובן צו אינסצענירן איינִיגע פון די „מעשהלאַך" (אַ חורבה, אַ מעשה מיט אַ האָן). אַזעלכע אינסצענירונגען וועלן געוויס באַרייכערן די קינדערשע פאַנטאַסטיק און העלפן פונאַנדעראַרבעטן די סיוזשעטן פון דער פאָלקסשאַפונג.

ח. ש. קאַזדאַן.

---

212. מאַרק האַכבערג. דאָס גאָלדענע רינגעלע. אַ מעשהלע. „פּעדאַגאָגישער פאַרלאַג", כאַרקאָוו, № 6. אויסגאַבע פון כאַרקאָווער אָפּטיילונג פון אידישן דעמאָקראַטישן לערער-פאַרבאַנד, אילוסטרירט פון ע. ד. שטיינבערג. ז. 30. אין 32⁰. פרייז 1,30 ר.

„דאָס גאָלדענע רינגעלע" איז אַ מעשהלע, וואָס איז אָנגעשריבן „ספּעציעל" פאַר קינדער. אַ דערוואַקסענער מענש ווערט עס כשום אופן ניט דערלייענען ביז'ן סוף, נאָר דער קלענער

---



עולם, האפט דער מחבר, וו
ען. און דער „פּעדאַגאָגיש
צו זיין שטעמפּל און גיט ע
„מזכּה" אונזערע בידנע קינד
מהנהלע.

„דאָס גאָלדענע רינג
ביכדיג, געקינסטעלט, צוגעט
און פּערסאָנאַזשן ווערן געב
איש און אַש-גרוי, מיט
שפּראַך, אַז עס איז פּשוט

מיר ווילן ברענגען אַ
צו ווייזן מוסטערן פון האכ
קייט": דאָס אינגעלע הא
געליבטע רינגעלע: „מיט
זוכט ער אונטער יעדן שטיי
יעדן גרעזול טיף אַראָפּ
געזול"... דער אַלטער הא
ער ווייסט פון דעם רינגעל
זיסע קרויט, ווי דו עס
ברויט, פּלוצלונג הערט
אַז איך טו פון שרעק אַ
אַזעלכע פערזענפ
שלאָפן אונטער, ווערט
מונטער", „אויף די בליטל
ס'איז דער הימל רויט, ניש
שטאַמונג פון די אַלע אוי
שטעהט זיך, נאָר דער אי
אין גראַמען...

אַ „פּעדאַגאָגישער" פ
האָבן אַכטונג צו זיין אי
כאַטש אַ ביסל זאָרגן וועגן

ה.

---

אַנדערסענס מעשהלאַ
מיט 30 אילוסטראַציעס. „קיעוו
אין 16⁰ פר. 10 ה. תר"עט.

אַנדערסענס מעשהלאַך
אויסגאַבעס: אין צעהן באַזו
אין איין באַנד, און וועלכ
כמעט אַלע 16 מעשהלאַך
אויסגאַבעס (עס פעלן דאָ
לאַך פון לעצטן צעהנטן נו
אַרויין „די גריקע").

ביים אַרויסגעבן אַנד
איז געשטאַנען אַ ... ער
אויסוועהל פון די מעשהל
צעהנדליגער אַנדערסענס ג

Implicit criteria: (1) dramatic structure (2) fantastic subject (3) non-didactic



עולם, האפט דער מחבר, וועט אלץ פארדי-
ען. און דער „פעדאגאגישער" פארלאג לעגט צו זיין שטעמפל און גיט עס ארויס און איז „מזכה" אונזערע בידנע קינדערלאך מיט א ניי מתנהלע.

„דאס גאלדענע רינגעלע" איז אזוי נעביכדיג, געקינסטעלט, צוגעטראכט. די עפיזאדן און פערסאנאזשן ווערן געמאלט אזוי פראזאאיש און אש-גרוי, מיט אזא לאקריצדיגער שפראך, אז עס איז פשוט צו באוואונדערן.

מיר וועלן ברענגען א פאר ציטאטען, כדי צו ווייזן מוסטערן פון האכבערגס „בילדערישקייט": דאס אינגעלע האט פארלארן דאס געליבטע רינגעלע: „מיט א ביטערן געוויין זוכט ער אונטער יעדן שטיין, זוכט ער אונטער יעדן גרעזל טיף אראפגעלאזט דאס בעול"... דער אלטער האט דערצעהלט, אז ער וויסט פון דעם רינגעלע: „כ'האב געגעסן זיסע קרויט, ווי דו עסט און איי מיט ברויט, פלוצלונג הערט זיך מיר א קלינג, אז איך טו פון שרעק א שפרונג"... אדער אזעלכע פערזענפערל: „ווען די זון גייט שלאפן אונטער, ווערט דער בלומען-קיסר מונטער", „אויף די בלימלאך טראפנס טוי, ס'איז דער הימל רויט, נישט בלוי". די אפשטאמונג פון די אלע אויסדריקן איז, פארשטעהט זיך, נאר דער אומגליקליכער דוחק אין גראמען...

א „פעדאגאגישער פארלאג" מוז דאך האבן אכטונג צו זיין איינענעם נאמען, און כאטש א ביסל זארגן וועגן אינהאלט.

ח. ש. קאזדאן.

---

**אנדערסענס מעשהלאך. יידיש דער נסתר.**

מיט 30 אילוסטראציעס. „קיעווער פארלאג" 190 ז. אין 16° פר. 10 ר. תר"עט.

אנדערסענס מעשהלאך זיינען ארויס אין צוויי אויסגאבעס: אין צעהן באזונדערע ביכעלאך און אין איין באנד, אין וועלכן עס זיינען אריין כמעט אלע 16 מעשהלאך פון די באזונדערע אויסגאבעס (עס פעלן דא נאר די מעשהלאך פון לעצטן צעהנטן נומער, דערפאר איז אריין „די גריקע").

ביים ארויסגעבן אנדערסענס מעשהלאך איז געשטאנען א שווערע אויפגאבע—דער אויסוועהל פון די מעשהלאך. פון די פיל צעהנדליגער אנדערסענס געשיכטעס זיינען דאס



רוב ניט-פאסיגע פאר קינדער ניט לויט דער שפראך, ניט לויטן אינהאלט און אידעען. פאראן אפילו צווישן זיי א סך שעדליכע. דער רוסישער פעדאגאג ד. אלפיעראוו, למשל, האט צונויפגעשטעלט א צעטל פון אנדערסענס מעשהלאך, וואס פאסן פאר קינדער,— זיינען אהין אריין ניט מער ווי 25 זאכן. דערביי גיט צו אלפיעראוו, אז איניגע פון די זאכן געפינען זיך נאך עד היום ביי אים „אונטער א ספק". ווי האט זיך איינגעגעבן אין דער יידישער אויסגאבע די דאזיגע שווערע אויסוועהל-פראבלעם? געוויס איז ניט אויסגעשעפט דער גאנצער רייכער אוצר פון טאלאנטפולע און אמת קינסטלערישע זאכן, וואס געפינען זיך ביי אנדערסענען. אזוי, זיינען אין דער סעריע ניט אריין די באוואוסטע מעשהלאך „דאס מיאוסע ענטעלע", „דאס מיידעלע מיט די שוועבעלעך", „די גרויסע צרה" און אנדערע. פון דער אנדער זייט האבן אפשר א פאר זאכן געמעגט ניט אריינגעהן אין דער סעריע. אבער, אין אלגעמיין, איז דער אויסוועהל פונ'ם מאטעריאל א געלונגענער. צו די שוואכסטע זאכן געהערן געוויס „דעם מלכ'ס נייע קלייד", „האנס דער נאר", „אלץ, וואס דער אלטער זאל נישט טון, איז גוט", וועלכע טראגן דעם כאראקטער פון אנעקדאטן, פארמאגן ניט קיין אינערליכן דראמאטיזם און זיינען געבויט גאנץ קינסטליך. ניט אינגאנצן באפרידיגן אונז אויך „די צירעווע נאדל" און „דער לײן", וועלכע האבן זעהר ווענינ פאנטאסטישן אינהאלט און זיינען פילאזאפיש-ריטאריש. זיי זיינען געוויס צוגענגליך פאר קינדער, אבער זיי האבן ניט אזא הויכן קינסטלעריש-עסטעטישן ווערט, ווי די אלע איבעריגע זאכן, וואס זיינען אריין אין דער זאמלונג. „די ווילדע שוואנען", „דאס ים-טעכטערל", „די שניי-מלכה", „אלע-לוק-איע", „ברויזעלע", „פינף ארבעסלאך", „די בלומען פון דער קליינער אידא" —זיינען אמתע פערל פון דער אלוועלטליכער קינדער-ליטעראטור, און פאר אונזער קינדער-עולם איז א גרויסער יום-טוב, וואס זיי האבן דאס אלץ, ענדליך, באקומען אויף יידיש.

דערביי מוז מען אבער מאכן אויפמערקזאם דעם לעזער און דערציהער, אז כמעט אלע אהן אויסנעם פון די אפגעדרוקטע ווערק, זיינען פאסיג נאר פאר קינדער פון 8—9 יאר און העכער, אדער בשום אופן נים פאר קלענערע.